NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04237

# VILYENKE UN MAYE

Chane Levin

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כאנע לעװין

# װילענקע און מאיע

„קינדערפרײנד", װארשע 1937

Printed in Poland

C H. L E W I N

W I L J E N K E un M A J E

„Kinder-Frajnd", Warszawa 1937

זעצעריי ה. גלאַנץ, פֿראַנציסקאַנסקע 28 ה. 25

Druk. „R e n o m a", Warszawa

# ווילעניקע און מאַיע



בײַ ווילקיע ווילאַנעך
איז אַ הינטל פֿאַראַנען,
אַזאַ מין אויף רעדלעך,
צו אַ ברעטל געפּרעסט.



ווילעניקעס הינטל
איז שטענדיק אין ווינקל,
מען וואַלגערט אים אומעט —
איז ליגט ער און ליגט.

בײַ מאַיע מאַריאַנען
איז אַ הינטל פֿאַראַנען,
אַן עמעסער טאַקע,
וואָס האַווקעט און עסט.



דאָס הינטל מאַריאַנעס,
(זײַן נאָמען איז בומס)
ער פליט ווי אַ ווינטל
אַהין און צוריק...

וויליאַנקעס הינטל
אַ גרויסער, אַ גרויער —
איז וואָס אַז אַ גרויסער?
ער היט נישט דאָס הויז.
און קלייניקער בומסל
אים נעמט פאַרן אויער,
צי גאָר פאַר אַ רעדל
און וואַרפט אים אַרויס.

אָט דאָס איז אַ בומסל!
אַז אַלץ איז זײַן אייסעק!
קלאַפּט עמעצער אָנעט,
קלינגט עמעץ בײַם טיר,
שפּרינגט בומסעלע אונטער
און האַווקעט מיט כיישעק:
—האַוו, האַוו—ווּעמען דאַרפט איר?
פרעגט פריִער בײַ מיר!

אַז בומסעלע קליינער
מיט רויטינקן צינגל,
ער כאַפּט עס דעם ייִנגל,
ער כאַפּט מיט די ציין
און גלײַך פאַר די הייזלעך
און גלײַך פאַר די שיכלעך:
— דעם הונט גיב אַרויסעט,
גיסט אָפּעט צי ניין?

— מײַן בומס איז אַזאַ מין
פאַר קיינעם, פאַר קיינעם
ער שרעקט זיך נישט,
הער!
נישט נאָר פאַר ייִנגלעך
אַפילע פאַר בערן,



און איינמאָל גייט ווילע
מיט מאַיען שפּאַצירן,
און בומסע, פֿאַרשטייט זיך,
לויפט פריִער פאָרויס.
מיט איין מאָל אַ יונג,
אַזאַ מיִעסע צורע,
באַ ווילען זײַן הינטל
פון האַנט כאַפּט אַרויס!



אפילע פאַר זשוקעס

ער שרעקט זיך נישט מער.



און פּלוצלונג פון טויער,
פון נאָענטן הויפל,
א ציגעלע שיינע
גייט וואַזשנע און בראַוו.
זאָגט בומסעלע העפלעך:
— גוט מאָרגן אײַך, שכיינע!
— גוט מאָרגן איַיך שכיינע!
אויף הינטיש: — האַוו — האַוו!

נאָר ציג גיט אַ קער נאָר
די שפּיציקע הערנער,
מיטן באָרד גיט אַ טרייסל:
— טרעט אָפּ דעם אָרט!
און בומסל דערשרעקט זיך,
נאָר נישט פאַר די הערנער,
און נישט פאַר איר טופּען —
עס שרעקט אים די באָרד!



און וויליעניפעס הינטל
מיט גלעזערנע אויגן,
ער שטייט זיך, ער קוקט זיך
מיט רויִקן בליק.
זאָגט וויליע:
— אַהאַ, דײַן הינטל!
מײַנער אַ דרײַסטער
און דײַנס טאַקע נישט!
נאָר בײַמס גיט אַ וואָרף זיך
— האַוו, האַוו, ס'איז אַ ליגן!
ווער שרעקט זיך פאַר ציגן,
פאַר הערנער און באָרד?
און די ציג הייבט אָן לויפן
און זי כאַפּט מיט די הערנער
גאָר וויליענקעס הינטל,
וואָס שטייט אויף איין אָרט.
צעכליפּעט זיך וויליע:
— איך ווִיל נישט,
איך דאַרף נישט,
ווו איז ער מײַן הינטל,
ווו איז ער אַצינד?



זאָגט מאַיע מאַריאַנע:

— נו, וויליענקע — ווילי'ע,

צו וואָס דאַרפסטו האָבן

צוקלוימערשט א הונט?

וואָס איז דאָ פריילעך!

ער קאָן דאָך נישט האַווקען,

מען וואַלגערט אים אומעט

איז ליגט ער און ליגט:

און קאָן גאָרנישט לויפן,

און שטוב קאָן נישט היטן,

מען דאַרף אים נאָר שלעפן

נאָך זיך אויף א שטריק!



און דו זאָלסט נישט וויינען,
געפעלט דיר מײַן בומסל?
איז וועט אָט דער בומסל
אונדז ביידעמענס זײַן!
ביסט דאָך מײַן כאַווער,
איז וועט אונדזער בומסל
אַ ביסל זײַן מײַנער,
און-אַ ביסל זײַן דײַנס!



# דער זשוק



מיר זענען דאָך די בויער,
בויען מיר אַ מויער,
נישט צו קליין און נישט צו גרויס,
פאַר אַ זשוק וועט זײַן דאָס הויז...
דער זשוק האָט הערנער עכטע
און שטראָפט די קינדער שלעכטע.
גייט מען נישט פאַרקעמטע,

אויף די הערנער נעמט ער.
אויב ביים עסן שטיק מען מאַכט,
קומט דער זשוק אַהער פאַרנאַכט,
מיט אַ ברוגעז און אַ זשום
זאָגט ער אָן: — איך קום, איך קום!
זשש... אָט בין איך, אָטאָ, האָפּ!
אויפן בריק ער פאַלט אַראָפּ,
און קוקט די פוילע קינדער אויס,
נאָך דעם פליט אין גאַס אַרויס.
און וועגן קינדער פוילע
דערציילט ער זשוקעס ווילע.
זענען פוילע דאָ אַ כאַך,
זשומעט דער זשוק אַ גאַנצע נאַכט.

# נ י ש ט א י ך

און איך בין נישט שולדיק,
דעם שולדיקן זוכט!
כ'האָב ליב גאָר מײַן העפט,
מײַן העפט און מײַן בוך,
איך װיל מײַנע זאַכן
זאָלן ציכטיק זײַן,
דער לערער זאָלן לויבן
און זאָגן מיר: „פײַן"!
איך װיל אינעם קלאַס
זאָל איך זײַן קאָמאַנדיר,
יעדער אַ בײַשפּיל
זאָל נעמען פון מיר.
אָבער די ביכער צעשלעפן זיך פאָרט,
יעדער זוכט זיך אַ בעסערן אָרט.
איך זוך און איך זוך,

איך זוך און איך זוך —
וווהין איז שוין ווידער
פאַרשוווּנדן מײַן בוך ?

—

און פּלוצלונג פון קיך
די מאַמע קומט אָן,
אין דער האַנט אין דער הייך
האַלט אַ בוך ווי אַ פאָן.
און פונעם ביכל אַ שטראָמעלע פליסט,
דער מאַמעס אין אַרבל אַ שטראָמעלע גיסט.
קוק איך זיך אײַנעט,
דערקען איך דאָס בוך –
ס'איז טאַקע דאָך יענער,
אָט דער, וואָס איך זוך!



זאָגט מיר די מאַמע: — אין וואַנע, אין קיך,
אָט דאָרטן, אין וואַסער געלעגן דײַן בוך!
אוי, טאַקע דעם בוך
האָב איך דאָרטן געלייענט,
בעשאַס כ'האָב מיט פּראַשעק

גערייניקט די ציין.
דערנאָך אים פֿאַרגעסן
אויף אייז רעגע קאָן זײַן,
נעמט ער און וואַרפֿט זיך
אין וואַנע אַרײַן!
און איך בין נישט שולדיק,
דעם שולדיקן זוכט,
כ'האָב ליב גאָר מײַן העפֿט
מײַן העפֿט און מײַן בוך.

אין צײַטונגען וויקל איך
אײַנעט מײַן העפֿט,
נאָר שטענדיק אין טעלער
מײַן העפֿטעלע טרעפֿט.
און וואָס נאָר איך עס,
פֿאַרווילט זיך אים אויך.
קריכט ער צום הערינג,
און קריכט ער אין יויך;
פֿאַרשטייט זיך, אין פֿלעקן
ווערט גלײַך דאָס פּאַפּיר,



נאָר איך בין נישט שולדיק,
וואָס האָט מען צו מיר ?

און דאָס, וואָס אין טינט
איז מײַן אָנצוּג געווען,
איז שולדיק, פאַרשטייט זיך,
נישט איך, נאָר מײַן פען.
אַז דיק איז דאָס הענטל,
די פען — מיט אַ שפּיץ,
און דער טינטער איז פול,
נו, איז טוט עס אַ שפּריץ !

איז שולדיק די פען,
וואָס שפּריצט און וואָס פּיקט,
און דער העפט, וואָס ער דרייט זיך
נאָר הין און צוריק!
וואָס זשע זאָגט מען אויף מיר,
אַז איך האַלט זיך נישט ריין?
מען טשעפּעט זיך פּאַשעט,
ווײַל איך בין נאָך קליין!

Opłata pocztowa uiszczona gotówką
גר 30 פרייז   יידישער אָרגאַן   № 15.   25 MAJA 1937
„Kinder - Frajnd"
DWUTYGODNIK   Wydanie B
Adres redakcji i administracji: Warszawa 1, Miła 33 m. 24.

די נאָענטסטע אויסגאַבעס דערשיינען
דעם 10טן יוני ה. י.

דעם 10-טן יוני ה. י.

# אונדזער צווייטער פרעסעטאָג

(זשורנאַל נר. 16)

מיר אַפּעלירן צו אַלע אַבאָנענטן:
שיקט גלייך אַריין דעם אַבאָנאַמענט-אָפּצאָ
שטעלט אונדז נישט אין קיין שווערע לאַגע